**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט CONNECTALL איינלאדענונג פאר אפליקאציעס צו ברענגען אינטערנעט סערוויס צו געגנטער פון די סטעיט וואס זענען די שווערסטע צו ברענגען סערוויס

***לעצטע שטופ צו צוטיילן א 644 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע אינוועסטירונג צו צושטעלן סערוויס פאר יעדן ניו יארקער: איניציאטיוו ציהלט אויף לעצטע 0.3% פון היימער און ביזנעסער אריבער די סטעיט***

***שליסט א צוויי-יאריגע פראצעדור צו אויסמאפירן און פעסטשטעלן וואו עס איז דא סערוויס צווישן ניו יארק'ס נאענט צו פינף מיליאן לאקאציעס***

***איינלאדענונג פאר אפליקאציעס פארעפנטליכט [דא](), טערמין ביז ווען אפליקאציעס ווערן אנגענומען איז מאי 5, 2025 אום 11:59 ביינאכט אויפן ניו יארקע זייגער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון דעם ConnectAll אינטערנעט אויסברייטערונג (Deployment) פראגראם איינלאדענונג פאר אפליקאציעס ( Request for Applications, RFA) פאר פארלעסליכע לייזונגען פאר געגנטער וואס דארפן באקומען פריאריטעט און לייזונגען וואס נוצן אלטערנאטיווע טעכנאלאגיעס, א קריטישע דערגרייכונג אין די פראצעדור איבער עטליכע יאר צו פארזיכערן אפאָרדעבעל, פארלעסליכע און שנעלע אינטערנעט סערוויס פאר די לעצטע איבערבלייבנדע לאקאציעס אן גענוג אדער אן בכלל סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט. ConnectAll וועט אננעמען אפליקאציעס פון אפריל 15 ביז מאי 5, 2025 צו פינאנצירן פראיעקטן וואס באנוצן זיך מיט טראדיציאנאלע פייבער אפטיק, קעיבעל, הייבריד פייבער-קאָו-עקסיעל און לייסענסירטע ראדיא דראטלאזע אינטערנעט סערוויס, און פעדעראל-דעזיגנירטע אלטערנאטיווע טעכנאלאגיעס ווי צום ביישפיל אומלייסענסירטע ראדיא דראטלאזע סערוויס און פון סאטעליטן וואס דרייען זיך ארום נאענט צו די ערד. אפליקאנטן קענען זעהן די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס [דא]() און אריינגעבן א פארשלאג ביז מאי 5, 2025 אום 11:59 ביינאכט אויפן ניו יארקע זייגער.

"דער היינטיגער טאג צייכנט אפ א מאמענט וואס איז א ווענדפונקט פאר ניו יארק'ס דיגיטאלע צוקונפט אזוי ווי מיר עפענען די ענדגילטיגע אפליקאציע פאזע פאר אונזער היסטארישער ConnectAll אינטערנעט אויסברייטערונג פראגראם", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אינטערנעט סערוויס איז מער נישט קיין לוקסוס — עס איז יסודות'דיגע אינפראסטרוקטור פאר עדזשוקעישען, העלטקעיר, עקאנאמישע געלעגנהייט און טאג-טעגליכע לעבן. מיט דעם פראגראם, מאכן מיר זיכער אז יעדער איינציגער ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער זיפ קאוד אדער עקאנאמישע אומשטענדן, וועט האבן צוטריט צו שנעלע אינטערנעט. דורכן זיך באנוצן מיט נייע סארטן טעכנאלאגיעס צו אנקומען צו אונזערע ווייטסטע קאמיוניטיס, טוהען מיר ערפילן אונזער פארפליכטונג צו שאפן א מער גערעכטע און פארבינדענע 'עמפייער סטעיט'."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָפּ נייט), האט געזאגט,** "דאס עלימינירן די 'דיגיטאלע צוטיילונג' אין ניו יארק פארלאנגט שעפערישע צוגענג און שטארקע שותפות'ן צווישן רעגירונג און די פריוואטע סעקטאר. די RFA איז די שפיץ פון יארן פון סטראטעגישע פלאנירונג און איינפירונג צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו אפאָרדעבעל, פארלעסליכע אינטערנעט סערוויס. דורכן נוצן א רייע פון טעכנאלאגישע לייזונגען, אריינרעכענענדיג אלטערנאטיווע אפציעס פאר אונזערע געגנטער וואס זענען די שווערסטע צו דערגרייכן, ווייזן מיר ארויס אונזער איבערגעגעבנקייט נישט צו איבערלאזן קיין איין קאמיוניטי פון הונטן אין די דיגיטאלע עפאכע."

די RFA, אפן פאר אפליקאציעס, און אינפארמאציע איבער די פראיעקט געגנטער און בארעכטיגטע לאקאציעס זענען פארעפנטליכט אויף די [ConnectAll וועבזייטל](). ארגאניזאציעס וועלכע האבן נאכנישט פארענדיגט די ערשטיגע בארעכטיגונג (פרי-קוואליפיקעישען) פראצעדור, וועלכע איז דורכגעפירט געווארן פון יוני 2024 ביז פעברואר 2025, וועלן האבן נאך א געלעגנהייט צו אריינגעבן די מאטעריאלן אלס טייל פון זייער אנטווארט צו די RFA.

דער אינטערנעט איסברייטערונג פראגראם איז די באשטאנדטייל פון די גאווערנער'ס ConnectAll איניציאטיוו וואס אדרעסירט אויסשליסליך אזעלכע לאקאציעס אין די סטעיט וועלכע האבן נישט קיין אפציע פאר פארלעסליכע, שנעלע אינטערנעט. דער פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין דעצעמבער פון 2022, מיט א סטעיט-ברייטע מאביליזירונג צו מאכן די פעדעראלע אינטערנעט סערוויס מאפעס מער קראנט. ConnectAll, צוזאמען מיט פעדעראלע, קאונטי און לאקאלע שותפים, האבן זינט דאן פארזיכערט פארפליכטונגען פאר סערוויס פאר טויזנטע היימער און ביזנעסער וואס האבן ערלויבט דעם אינטערנעט איסברייטערונג פראגראם זיך צו קאנצענטרירן אויף אומגעפער איין פראצענט פון לאקאציעס אין די סטעיט. נאכפאלגנדיג א פריערע RFA וואס איז געווען קאנצענטרירט אויסשליסליך אויף פייבער אפטיק און אנדערע פארלעסליכע לייזונגען, קוקט ConnectAll יעצט איבער פארשלאגן צו צושטעלן סערוויס פאר מער פון האלב פון די לאקאציעס. די איינלאדענונג פאר אפליקאציעס וואס איז היינט אנאנסירט געווארן קאנצענטרירט זיך אויף די אומגעפער 20,000 היימער און ביזנעסער פאר וועלכע פארשלאגן זענען נאכנישט ערהאלטן געווארן, פאר וועלכע עס זענען נישטא קיינע אנדערע פארפליכטונגען און וועלכע קענען יעצט נישט פארבינדן ווערן דורך א סטאנדארטיגע אינסטאלאציע פון ערד-באזירטע אינטערנעט סערוויס פראָווייידער.

ConnectAll וועט ארויסלייגן די פלאנירטע פארטיילונגען פון די פולע 644 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע גרענטס פאר די פובליקום צו לאזן קאמענטארן דערויף ווען עס וועט אריינגעגעבן ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן האנדל דעפארטמענט'ס (Department of Commerce) נאציאנאלע טעלעקאמוניקאציעס און אינפארמאציע אדמיניסטראציע ( National Telecommunications and Information Administration, NTIA) פאר באשטעטיגונג ביז די פעדעראל-פארלאנגטע טערמין פון יולי 25, 2025. געוואנדן אויף NTIA באשטעטיגונג, זענען געוויסע פראיעקטן ערווארטעט זיך צו אנהויבן שוין אין 2025 מיט פארענדיגונג ביז פיר יאר.

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) ConnectAll איניציאטיוו**
גאווארנער Hochul (האקול) האט געמאכט די פארברייטערן פון בראודבאנד צוטריט א ווינקלשטיין פון איר אדמיניסטראציע'ס באמיאונגען צו שאפן א מער גלייכע ניו יארק. דורך די ConnectALL איניציאטיוו, טוט ניו יארק סטעיט אינוועסטירן 1 ביליאן דאלאר צו טוישן די סטעיט'ס דיגיטאלע אינפערסטראקטשער, פארבעסערן קאנקורענץ צווישן פראווויידערס, און פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו פארלעסליכע, עפארדיבל שנעלע אינטערנעט. ביז היינט, איז ConnectAll געשטאנען איבער די ערפאלגרייכע אנהויב און איינפירונג פון עטליכע פראגראמען צו פאראויסשטופן בראודבענד צוטריט, אריינרעכענענדיג:

- די דיגיטאלישע גלייכקייט (The Digital Equity Program) פראגראם וועט אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר, אריינגערעכנט א פעדעראלע צוטיילונג פון כאטש 37 מיליאן דאלאר, איינצופירן די ניו יארק סטעיט דיגיטאלע גלייכקייט פלאן צו פארמאכן די דיגיטאלע טיילונג. אום מערץ פון 2024 האט ConnectALL געשלאסן דעם דיגיטאלע גלייכקייט (Digital Equity) פראגראם קאפאציטעט גרענט איינלאדענונג פאר אפליקאציעס, דורך וועלכע ConnectAll ערווארט צו פארטיילן אומגעפער 15.5 מיליאן דאלאר פון די פעדעראל-צוגעטיילטע געלט.
- די צוגענגליכע וואוינונג פארבינדונג פראגראם ( Affordable Housing Connectivity program) וועט ברענגען נייע בראודענד אינפראסטרוקטור צו הייזער אין צוגענגליכע און פאבליק וואוינונגען נוצנדיג 100 מיליאן געלטער פון די פאראייניגטע שטאטן טרעזשורי דעפארטמענט'ס קאפיטל פראיעקטן פאנד. די ערשטע אווארדס אונטער די פראגראם וועט פארזיכערן נייע $10/חודש בראודבענד סערוויס און $30 א חודש גיגאביט סערוויס פאר איבער 14,000 נידריגע-איינקונפט הויזגעזונדן אין באפעלאו, ניו יארק סיטי און ראטשעסטער. די פראגראם נעמט יעצט אן אפליקאציעס פון אינטערנעט סערוויס פראוויידערס און אויסדרוקן פון אינטערעס פון האוזינג אייגנטומער און פובליק האוזינג אטאריטעטן.
- דער מוניציפאלע אינפראסטרוקטור (Municipal Infrastructure) פראגראם וועט פינאנצירן אינטערנעט סערוויס אויסברייטערונג פראיעקטן אין אייגנטום פון א רעגירונג יוטיליטי אדער אין פובליק קאנטראל. ConnectAll נעמט אן אפליקאציעס פאר פאזע 4 ביז אפריל 25, 2025. ביז היינט, האט ConnectAll שוין פארטיילט איבער 240 מיליאן דאלאר דורך דעם פראגראם, פינאנצירנדיג קאנסטרוקציע פון נאענט צו 2,400 מיילן פון אינטערנעט סערוויס אינפראסטרוקטור וועלכע וועלן אנקומען צו 98,000 לאקאציעס אריבער ניו יארק סטעיט. באזוכט די ConnectAll פראיעקטן דעשבאורד פאר מער אינפארמאציע איבער מוניציפאלע אינפראסטרוקטור פראגראם פראיעקטן.
- דער פארבינדונג שעפערישקייט (Connectivity Innovation) פראגראם שטופט פאר ערפינדערישקייט און נייע אינטערנעט סערוויס לייזונגען, ביזנעס מאדעלן און טעכנאלאגיעס כדי צו פארמערן אינוועסטירונג און נייע ביזנעסער אין די פריוואטע סעקטאר; טרייבן פאר גערעכטיגקייט און ערפינדערישקייט אין די אינטערנעט סערוויס מארקעט; און באפעסטיגן א בליהענדע פארשונג, דעוועלאפמענט און מעניופעקטשורינג אטמאספערע צו שטיצן פארבינדונג שעפערישקייט אין ניו יארק. ConnectAll נעמט אן אפליקאציעס פאר דעם פארבינדונג שעפערישקייט — סעלפאן סערוויס RFA ביז יוני 17, 2025.

**סטעיט סענאטארשע Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעז) האט געזאגט**, "אלס פארזיצערין פון די סענאט אינטערנעט און טעכנאלאגיע קאמיטע (Internet and Technology Committee), בין איך שטאלץ צו שטיצן די עפענונג פון די קומענדיגע פאזע פון דעם ConnectAll אינטערנעט אויסברייטערונג פראגראם. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארגעזעצטע פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער, אין יעדע טייל פון אונזער סטעיט, קען צוקומען צו אפּאָרדעבעל, שנעלע אינטערנעט."

**אסעמבלי מיטגליד Steve Otis (סטיוו אָטיס) האט געזאגט**, "לאקאציעס וואס זענען שווער צו דערגרייכן שטעלן די גרעסטע שטרויכלונג צו צושטעלן פאר אלע ניו יארקער שנעלע אינטערנעט סערוויס צוטריט. דאס איז א מערקווירדיגע איינלאדענונג פאר אפליקאציעס וואס פארבעט ארגאניזאציעס צו קומען מיט שעפערישע און אלטערנאטיווע צוגענג צו צושטעלן צוטריט פאר לאקאציעס וואס זענען שווער צו דערגרייכן און פאר קאמיוניטיס וואס האבן נישט גענוג סערוויס. גאווערנער Hochul (האקול) און די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס ConnectAll אפיס זענען נאציאנאלע פירער אין די שטופ פאר

אינטערנעט סערוויס אויסברייטערונג דורכן מוטיגן פארשידנארטיגע צוגענג וואס פאסן זיך פאר די סיטואציע. דער אינטערנעט אויסברייטערונג פראגראם איז נאך א ביישפיל פון פארוואס ניו יארק'ס פראגראמען זעצן פאר צו מאכן נייע דערגרייכונגען."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן